**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/15/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול, מעיאר פעטערסאן-האווארד און קאונטי עקזעקיוטיוו לאטימער אנאנסירט היסטארישע צוזאמארבעט צו אדרעסירן לאנגיעריגע וואסער אינפראסטרוקטור פלאגענישן אין שטאט מאונט ווערנאן**

***סטעיט וועט דירעקטירן 150 מיליאן דאלער אויף צו ערזעצן פארעלטערטע וואסער און סוער אינפראסטרוקטור, פארבעסערן לעבנס-קוואליטעט און באשיצן פובליק געזונטהייט***

***גאווערנער דירעקטירט 7 מיליאן דאלער אויף תיכף אנצוהייבן אינזשינערונג, אויספלאנירונג, און געבוי פון ׳דריטע סטריט׳ סוער פראיעקט***

***8 מיליאן דאלער הילף פעקל צו פינאנצירן עמערדזשענסי פארריכטונגען און אונטערצינדן לאנג-טערמיניגע פלאנירונג אויף צו ערזעצן בלייענע רערן***

***3 מיליאן דאלער אויסגעטיילט פאר האָוזינג אויפריכטונג און ווידערשטאנד-פעאיגקייט פראוו פראגראם***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן א היסטארישע 150 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג און א פרעצעדענט-שטעלנדע דריי-פאכיגע צוזאמארבעט מיט מאונט ווערנאן מעיאר שאון פעטערסאן-האווארד און וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לעטימער צו תיכף פאראויס-פירן ארבעט צו אדרעסירן לאנגיעריגע וואסער אינפראסטרוקטור און פארבינדענע פובליק געזונטהייט פלאגענישן וועלכע די שטאט מאונט ווערנאן איז שוין אויסגעשטאנען צענדליגע יארן. ביי א צוזאמקונפט ביי מאונט ווערנאן׳ס סיטי-האָל, האט די גאווערנער אויך אויסגעמאלדן דעם תיכף׳דיגן אנהייב פון דעם 7 מיליאן דאלערדיגע ׳דריטע סטריט סוער פראיעקט׳, וואס נאכ׳ן פערטיגן וועט פארזיכערן פארלעסליכע מיסט-וואסער סערוויס פאר 500 דערנעבנדע הויזגעזינדער איצט סערווירט דורך פראוויזארישע פאמפס און א צוזאמגעקלאפטע סיסטעם אוועקגעשטעלט אויפ׳ן גאס צו פארזיכערן פאסיגע מיסט-וואסער פארזאמלונג.

״אין צופיל קאמיוניטיס פון קאליר ווי מאונט ווערנאן, איז קריטיש-וויכטיגע וואסער אינפראסטרוקטור אריינגעפאלן אין פארנאכלעסיגונג, אבער היינט שטעלן מיר א מוסטער פאר׳ן לאנד דורך פאראויס-פירן ענווייראנמענטאלע יושר, פארבעסערן לעבנס-קוואליטעט פאר איינוואוינער און אדרעסירן צענדליגע יארן מאנגל אין אינוועסטירונג,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״ווען איך האבן זיך געטראפן מיט מעיאר פעטערסאן-האווארד און געהערט איבער די ערנסטקייט פון דעם קריזיס אין איר שטאט, האב איך תיכף באפוילן מיין אדמיניסטראציע צו קאארדינירן מיט די שטאט און דער קאונטי און רעכט מאכן דעם סיטועמישן אומרעכט. איך בין גאר שטאלץ פון אונזער געמיינזאמע ארבעט צו ליפערן דעם טראנספארמירנדן ענווייראנמענטאלע יוסטיץ זיג.״

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לעטימער האט געזאגט**, ״איך וויל דאנקען גאווערנער קעטי האוקול פאר איר פירערשאפט אין אדרעסירן דעם לאנגיעריגן פלאגעניש וואס מאונט ווערנאן האט אויסצושטיין שוין צענדליגע יארן. די מערקווירדיגע אינוועסטירונג אין מאונט ווערנאן׳ס פארעלטערטע אינפראסטרוקטור פאר סוער און מיסט-וואסער איז אבסאלוט נויטיג, אזוי ווי טויזנטער היים אייגנטימער ליידן דירעקט פון סוער צוריקהאלט פראבלעמען און פארבינדענע געזונטהייט פראבלעמען, און אנפלייצונגען פון סוער עלעמענטן קומט אן אין דעם דערנעבנדן הוטשינסאן און בראנקס טייך. מאונט ווערנאן׳ס פייפס זענען אלט, פארזשאווערט און איבערגעלאדנט, און איך האב חשק אנצוהויבן דעם דריי-פאכיגן צוזאמארבעט צווישן די סטעיט, די קאונטי און די שטאט עס צו פארריכטן.״

**מאונט ווערנאן מעיאר שאון פעטערסאן-האווארד האט געזאגט**, ״איך וויל דאנקען גאווערנער קעטי האוקול פאר דער היסטארישער אינוועסטירונג אין דער שטאט מאונט ווערנאן. איבערבויען אונזער אינפראסטרוקטור איז קריטיש-וויכטיג צו די עקאנאמישע, סאציעלע און פיזישע געזונטהייט פון דער קאמיוניטי. א דאנק אייך מאונט ווערנאן, וועסטשעסטער און NYS מאנשאפטן וועלכע האבן געארבעט אומערמידליך און געמיינזאם פאר די לעצטע פארלאפענע חדשים דאס אנצוברענגען. דאס איז וויאזוי עס זעט אויס ווען רעגירונג ארבעט אינאיינעם פאר׳ן גוטס פונ׳ם פאלק און מיר זענען באגייסטערט זיך צו ציען אויף פאראויס אינאיינעם אויף דעם מאנומענטאלן סוער פראיעקט.״

**ווייסן הויז ענווייראנמענטאלע יוסטיץ ראט קאונסיל וויצע פארזיצער, מיטגליד פונ׳ם נאציאנאלן מיטל באשיצונג קאונסיל באָורד אָוו טראָסטיס, און גרונדער פון דמע צענטער פאר רורעל אונטערנעמונגען און ענווייראנמענטאלע יוסטיץ קאטערינע קאלמען פלאווערס האט געזאגט**, ״איך בין דאנקבאר צו אלע וועלכע האבן געהערט דעם בקשה פאר הילף און זיך אפגערופן. די היינטיגע אויסמעלדונג אין מאונט ווערנאן איז א מוסטער פון די סטעיט׳ס אנטשלאסנקייט צו סאניטעישען יוסטיץ פאר יעדן.״

די אינאווירנדע סטעיט-קאונטי-שטאט צוזאמארבעט איז געווארן פאראייביגט אין א מעמאראנדום פון פארשטאנד (MOU) אויף צו פארשנעלערן פריאריטעט פראיעקטן און אויסרעכענען ראלעס, פאראנטווארטליכקייטן און פאראנענע פינאנצירונג פאר די שטאט-ברייטע ארבעט. די מעמאָ שטעלט אוועק פארמאל דער דריי-פאכיגער צוזאמארבעט צווישן דער שטאט מאונט ווערנאן, וועסטשעסטער קאונטי און דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג, פארטרעטנדיג מערערע סטעיט אגענטורן, אריינגערעכנט דאס באניץ פון 7 מיליאן דאלער אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אקט געלטער צו תיכף איינפירן אינזשינערונג, פלאנירונג און געבוי אויף דעם דריטן סטריט סוער פראיעקט. ארבעט אויף פראיעקטן לענגאויס דער שטאט וועלן פארקומען אין פאזעס איבער פינף ביז זיבן יאר נאך א גרונטליכע אפשאצונג פון דער שטאט׳ס איצטיגע אינפראסטרוקטור.

דער סטעיט׳ס ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ (EFC) וועט צושטעלן 8 מיליאן דאלער צו פינאנצירן עמערדזשענסי פארריכטונגען און אונטערהייבן לאנג-טערמיניגע פלאנירונג פאר צוקונפטיגע פראיעקטן, אריינגערעכנט דאס ערזעצן בלייענע רערן. פינאנצירונג נעמט אויך אריין א 5 מיליאן דאלערדיגע אינטערעסטלאזע עמערדזשענסי הלוואה און אן 1 מיליאן דאלערדיגע גרענט פאר אן איבערזיכט אויף בלייענע סערוויס ליניעס אין דער קאמיוניטי און אויסצוארבעטן אן ערזעצונג פלאן. EFC וועט אויך באשטימען 2 מיליאן דאלער פאר אינזשינערונג ייעוץ סערוויסעס צו פארשנעלערן ארבעט אין דער קאמיוניטי. אין צוגאב האבן מאונט ווערנאן, DEC און EFC זיך פארשפראכן צו אונטערנעמען אן אייגנטום פארוואלטונג פראגראם וואס וועט האלטן חשבון, אפשאצן און אכט געבן אויף דער שטאט׳ס ריינע וואסער אינפראסטרוקטור און העלפן שאפן א פלאן צו פינאנצירן און אויסהאלטן מאונט ווערנאן׳ס וואסער קוואליטעט אינפראסטרוקטור איבער׳ן לאנגן טערמין.

דער גאווערנער׳ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג וועט צוגעבן צו די פובליק אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען מיט א 3 מיליאן דאלערדיגן פראווו פראגראם צו לינדערן ענווייראנמענטאלע סכנות און מאכן ווידערשטאנד פעאיגקייט אפגרעידס צו פריוואטע פראָפּערטי. אנטיילנעמענדע היימען וועלן זיין בארעכטיגט אויף צו רעהאביליטירן געשעדיגטע פייפס, ערזעצן בלייענע סערוויס ליניעס און אנדערע נויטיגע ענווייראנמענטאלע אויפריכטונג.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמישענער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״גאווערנער האוקול׳ס היסטארישע 150 מיליאן דאלער אין אינוועסטירונג צו פארבעסערן דער שטאט מאונט ווערנאן׳ס וואסער אינפראסטרוקטור איז א קריטיש-וויכטיגע טריט אין העלפן צוריק גאנץ מאכן דער קאמיוניטי נאך דורות פון פארנאכלעסיגונג און מאנגל אין אינוועסטירונג. איך בין שטאלץ צו שטיין צו דער זייט פון אונזערע צוזאמארבעט אין דער שטאט מאונט ווערנאן און וועסטשעסטער קאונטי, ווי אויך אונזערע קאלעגעס ביי ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳, העלט דעפארטמענט, און גאווערנער׳ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג אויף צו שטעלן אין גאנג דער דריטער סטריט סוער פראיעקט, וועלכס צייכנט אפ די אנהויב פון ניו יארק סטעיט׳ס מולטי-יעריגע, מולטי-אגענטור אנטשלאסנקייט צו ערזעצן פארעלטערטע אינפראסטרוקטור דורכאויס דער שטאט.״

**ניו יארק סטעיט ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ פרעזידענט און CEO מאורין עי. קאולמאן האט געזאגט,** ״דער פראיעקט איז א הויפטביישפיל פון די פאזיטיווע, ממשות׳דיגע תוצאות פון ווען מענטשן און קאמיוניטיס וועלכע רעזולטירן ווען רעגירונגען ארבעטן אינאיינעם. די צוזאמארבעט און מערקווירדיגע סטעיט אינוועסטירונג הייבן ארויס גאווערנער האוקול׳ס אנטשלאסנקייט צו ניצן אינאווירנדע לייזונגען צו אפגרעיד׳ען און באשיצן קריטיש-וויכטיגע אינפראסטרוקטור, לינדערן תוצאות פון קלימאט ענדערונג, און אדרעסירן די ענווייראנמענטאלע, פובליק געזונטהייט און לעבנס-קוואליטעט זארגן פון היסטאריש איבער-באלאדנטע קאמיוניטיס. EFC פייערט די אונטערנעמונג און בלייבט איבערגעגעבן צו באזארגן די נויטיגע פינאנציעלע מיטלען צו ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן צו פארזיכערן אז זיי האבן די מאדערנע, אפרופנדע וואסער סערוויסעס וועלכע זענען נויטיג צו א געזונטע און בליענדע קאמיוניטי.״

**ניו יארק סטעיט העלט קאמיסיאנערין דר. מערי טי. באסעט האט געזאגט,** ״געזונטהייט יושר הייבט זיך אן מיט אומגעשטערטע צוטריט צו הויפט מענטשליכע באדערפעניש ווי ריינע טרונק-וואסער און פארלעסליכע מיסט אוועקפירן. מיט דער אינוועסטירונג, טוט גאווערנער האוקול רעכט מאכן צענדליגע יארן אומרעכט דורך פריאריטיזירן קאמיוניטיס ווי מאונט ווערנאן וועלכע האבן היסטאריש נישט געהאט די נויטיגע מיטלען איינצופירן פראיעקטן וועלכע רעזולטירן אין געזונטערע לעבנס-סטאנדארטן וואס איז דער רעכט פון יעדע ניו יארקער.״

**גאווערנער׳ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג עקזעקיוטיוו דירעקטאר קעיטי ברענען האט געזאגט,** ״שטיצע-מיטלען פון אויבן אראפ פאדערן פלאנירונג פון אונטן ארויף און שותפות׳ער צו בויען זיכערע און שטאנדהאפטיגע קאמיוניטיס, און מיר זענען גרייט צו ארבעטן האנט ביי האנט מיט דער קאונטי און שטאט צו ליפערן אויף גאווערנער האוקול׳ס אנטשלאסנקייט צו אדרעסירן לאנגיעריגע אומ׳יושר אין האָוזינג. די היסטארישע אונטערנעמונג וועט נישט נאר באזארגן קריטיש-וויכטיגע אפגרעידס צו דער שטאט׳ס פובליק אינפראסטרוקטור, נאר וועט אויך אנפירן אן אינוועסטירונג פראווו דירעקט אין די וואוינונגען פון מאונט ווערנאן איינוואוינער.״

**ראיאנישע אדמיניסטראטארין פאר EPA ראיאן 2 ליסע עף. גארסיע האט געזאגט,** ״דיביידן-העריס אדמיניסטראציע האט אונטערגעצינדן סטעיט רעוואָלווינג פאָנדס צו שאפן דזשאָבס און גלייכצייטיג אפגרעיד׳ען אמעריקע׳ס פארעלטערטע וואסער אינפראסטרוקטור און אדרעסירן הויפט שוועריגקייטן ווי פארעלטערטע סוער באהאנדלונג אינפראסטרוקטור און פירן אין טרונק-וואסער ענליך צו די אין

קאמיוניטיס ווי מאונט ווערנאן. פאראויסגייין אונטער א באשטימטע פינאנצירונג מעכאניזם, דער בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ וועט העלפן פינאנצירן די סארט ארבעט און איז גענצליך טראנספארמאטיוו. עס איז די איינציג-גרעסטע אינוועסטירונג אין וואסער אינפראסטרוקטור וואס דער פעדעראלע רעגירונג האט אמאל געמאכט.״

דורך שליסן דעם MOU מיט ניו יארק סטעיט און דער קאונטי, נעמט די שטאט מאונט ווערנאן א קריטיש-וויכטיגע טריט צו לייזן לאנגיעריגע פארלעצונגען פון דעם ריינעם וואסער געזעץ אונטער א פעדעראלער צושטימונג באפעל.

**סענאטאר טשארלס שומער האט געזאגט,** ״די היינטיגע 150 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג אין מאונט ווערנאן׳ס וואסער אינפראסטרוקטור איז גענוי דער סארט פראיעקט וואס איך האב מיך פארגעשטעלט ווען איך האב געדרוקט דעם אינפראסטרוקטור און דזשאָבס ביל. אויף צו לאנג האט מאונט ווערנאן געליטן פון אונטעראינוועסטירונג, פירנדיג צו פארעלטערטע פייפס, פובליק געזונטהייט ריזיקעס און דער דראונג פון גיפטיגע סוער צוריקהאלטן אין שטובער יעדעס מאל עס רעגנט. איך בין שטאלץ געווען צו קעמפן פאר מאונט ווערנאן איינוואוינער אין וואשינגטאן צו רעכט מאכן דעם אומרעכט, און איך בין שטאלץ אז מיר האבן געליפערט מיליאנען אין א דאָון-פעימענט צו ציען דעם פראיעקט אויף פאראויס. די היינטיגע צוזאמארבעט, מיט גאווערנער האקול, געקניפט מיט מערערע פעדעראלע הויפנס געלטער, איז די סיבה פארוואס איך האב אזוי שווער געקעמפט צו ליפערן ארטיגע הילף אין דעם ׳אַמעריקען רעסקיו פלען׳ און היסטארישע אינוועסטירונגען אין וואסער אינפראסטרוקטור.״

**סענאטארקע קירסטען דזשיליברענד האט געזאגט,** ״פאר יעדן ניו יארקער קומט זיך צוטריט צו ריינע, זיכערע טרונק-וואסער. די פינאנצירונג ברענגט אונז איין טריט נאענטער דאס צו מאכן א ווירקליכקייט. איך אפלאדיר גאווערנער האקול׳ס היסטארישע אינוועסטירונג אין דעם פראיעקט און וועל ווייטער קעמפן פאר פינאנצירונג צו אפגרעיד׳ען ניו יארק״ס וואסער אינפראסטרוקטור.״

**קאנגרעסמאן דזשאמאל באומען האט געזאגט,** ״די וואסער אינפראסטרוקטור פון מאונט ווערנאן שאפט שווערע, לאנגיעריגע וואסער און פובליק געזונטהייט אומ׳יושרדיגע אומשטענדן לענגאויס דער שטאט. די 168 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג איז א העכסט-נייטיגע אינוועסטירונג אין מאונט ווערנאן צו פארבעסערן און פאררריכטן די סיסטעמען איצט אין פלאץ. די פינאנצירונג בויט אויף די 3 מיליאן דאלער אין קאמבינירטע פינאנץ-יאר2022 קאמיוניטי פראיעקט פינאנצירונג וואס איך האב איינגעשאפן אינאיינעם מיט מאיאריטעט פירער טשאַק שומער פאר וואסער סוער אינפראסטרוקטור פאררריכטונגען און פארבעסערונגען. היינט זענען מיר אזוי נאענט צו אויספירליך אדרעסירן א לאנגיעריגן אינפראסטרוקטור נויט אין אונזער קאמיוניטי.״

**סענאט מאיאריטעט פירער אנדרעא סטוערט-קאזינס האט געזאגט,** ״מאונט ווערנאן איינוואוינער קומט זיך אינפראסטרוקטור וואס ליפערט פארלעסליכע צוטריט צו ריינע טרונק-וואסער און זיכערע סאניטאציע. איך האב נאענט געארבעט מיט גאווערנער האקול, מעיאר פעטערסאן-האווארד, קאונטי עקזעקיוטיוו לאטימער און אונזער וועסטשעסטער סענאט דעלעגאציע צו ליפערן די קריטיש-וויכטיגע פינאנצירונג צו מאדערניזירן מאונט ווערנאן׳ס פארעלטערטע אפפאל-וואסער אינפראסטרוקטור. די היסטארישע אינוועסטירונג וועט זיין א מערקווירדיגע שטיצע אויף איינצופירן דעם דריטן סטריט סוער פראיעקט און וועט פארשטערקערן מאונט ווערנאן׳ס ריינע וואסער אינפראסטרוקטור כדי עס זאל זיין מער ווידערשטאנד-פעאיג. איך דאנק גאווערנער האקול פאר פריאריטיזירן די נויטיגע אינוועסטירונג אויף ווידער-אויפצולעבן מאונט ווערנאן׳ס פובליק אינפראסטרוקטור און פארבעסערן דעם לעבנס-קוואליטעט פאר אירע אלע איינוואוינער.״

**סטעיט סענאטאר דזשאמאל טי. בעילי האט געזאגט,** ״אינוועסטירן אין די אינפראסטרוקטור פון מאונט ווערנאן איז אינטעגראל צו פאראויס ציען ענווייראנמענטאלע יוסטיץ. די היסטארישע פינאנצירונג וועט זיין טראנספארמירנד פאר אונזערע אייגוואוינער וועלכע האבן שוין צענדליגע יארן זיך געמוטשעט מיט צעפאלענע וואסער אינפראסטרוקטור און א סוער סיסטעם אין א שווער פארנאכלעסיגטע צושטאנד און צעפאלנקייט. מיט באנייטע אינוועסטירונג און צוזאמארבעט קען די שטאט מאונט ווערנאן אנהויבן צו פאראויס-פירן דרינגענד-נויטיגע פארריכטונגען און איבערבויען א סיסטעם וואס וועט ווייטער סערווירן די געברויכן פון אונזער שטאט ווייט אריין אין דעם צוקונפט. איך וויל דאנקען גאווערנער קעטי האוקול, מאונט ווערנאן מעיאר שאון פעטערסאן-האווארד, וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לעטימער און ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמיסיאנער באסיל סעגאוס פאר פריאריטיזירן די פינאנצירונג פאר מאונט ווערנאן.״

**אסעמבלי-מיטגליד דזשעי. גערי פרעטלאו האט געזאגט,** ״מיט די היסטארישע צוזאמארבעט קען די שטאט מאונט ווערנאן איצט אנהויבן די וויכטיגע ארבעט פון מאדערניזירן אונזער וואסער און סוער סיסטעמען. אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען זענען אפטמאל די גרעסטע פארשפרעכונג וואס א קאמיוניטי קען מאכן. מיט שטורעם פלייצונג און סוער איבערפלוס וואס פלאגט שוין פילע פון אונזער שטאט׳ס הייזער שוין צו לאנג, וועט די צוזאמארבעט לינדערן די פינאנציעלע פלאגענישן וואס אונזער שטאט איז אויסגעשטאנען אויף צו אויסהאלטן, פארריכטן און ערזעצן פארעלטערטע אינפראסטרוקטור.״

אין דעצעמבער האט די גאווערנער אויסגעמאלדן א 10 מיליאן דאלערדיגע וואסער קוואליטעט פארבעסערונג פראיעקט (WQIP) פראגראם גרענט געשאנק פון DEC צו מאונט ווערנאן וואס וועט פארבעסערן וואסער קוואליטעט אין דעם הוטשינסאן טייך דורך אפגרעיד׳ען איין טייל פון דער שטאט׳ס מוניציפאלע מיסט-וואסער ארויספאל פונקטן אויף אפצוהאלטן דאס ארויסלאזן רויע סוער עלעמענטן. דער גרענט פירט פאראויס געפאדערט דורכ׳ן פעדעראלן צושטימונג באפעל. DEC האט אויך געשאנקן א 75,000 דאלערדיגן נאָן-פאוינט פלאנירונג גרענט צו שטיצן דאס אויסצייכענען א מאפע פון מאונט ווערנאן׳ס מוניציפאלע באזונדערע שטורעם סוער סיסטעמען אפצוהאלטן פארפעסטיגטע אפלויף פון אפעקטירן ארטיגע קאמיוניטיס און די ענווייראָנמענט. אין צוגאב, האט EFC באזארגט צוויי אינזשינערונג פלאנירונג גרענטס אין סה״כ פון 200,000 אין 2021. נאך סטעיט אינוועסטירונגען צו העלפן אדרעסירן מאונט ווערנאן׳ס אפפאל-וואסער אינפראסטרוקטור פלאגענישן נעמען אריין א 1.6 מיליאן דאלערדיגע WQIP גרענט געשאנקען אין 2016.

דער פינאנץ-יאר 2023 איינגעפירטער בודזשעט בויט אויף ניו יארק סטעיט׳ס פריערדיגע פארפליכטונגען דורך אריינגעמען איבער א האלב ביליאן דאלער אין דירעקטע אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער איניציאטיוון, אריינגערעכנט:

- 500 מיליאן דאלער אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג, ברענגנדיג דעם סטעיט׳ס סך הכל ריינע וואסער אינוועסטירונג צו 4.5 ביליאן דאלער זינט 2017;
- 400 מיליאן דאלער — א רעקארד מאס פינאנצירונג — פאר׳ן ענווייראנמענטאלע באשיצונג פאָנד (EPF) צו שטיצן קריטיש-וויכטיגע פראיעקטן וועלכע ארבעטן צו לינדערן די ווירקונגען פון קלימאט ענדערונג, פארבעסערן אגריקולטורעלע שטיצע-מיטלען, באשיצן וואסער קוועלער, פאראויס-פירן אפהיט ארבעט, און צושטעלן פארוויילונגס געלעגנהייטן;
- 4.2 ביליאן דאלער פאר׳ן היסטארישן ׳ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאלע באָנד׳ געזעץ. אויב באשטעטיגט דורך וויילער דעם הערבסט, וועט דער היסטארישער אונטערנעמונג צושטעלן די שטיצע וואס ניו יארק סטעיט דארף האבן אויף צו באשיצן און פארבעסערן אונזערע וואסער הילפס-מיטלען, צוריק אויפריכטן קריטיש-וויכטיגע ענווייראנמענטאלע באשעפעניש וואוין-ערטער, רעדוצירן פלייצונג ריזיקעס, אפהיטן נאך ערד-שטחים און אפענע-לופט ערטער, און אינוועסטירן אין

קלימאט ענדערונג לינדערונג וואס וועט רעדוצירן פארפעסטונג און נידעריגע-קארבאן עמיסיעס; און

- נאך וואסער קוואליטעט באשיצונגען מיט נויטיגע פארבעסערונגען צו דער סטעיט׳ס וועטלענדס באשיצונג פראגראם, באשיצן אן אפגעשאצטע איין מיליאן צוגעלייגטע עיקערס פון אומבאשיצטע וועטלענדס באשעפעניש וואוין-ערטער און העלפן ניו יארק זיך צופאסן צו מער פלייצונגען און שווערע שטורעמעס געטריבן דורך קלימאט ענדערונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418